**גוט שבת אלע אידן..** *המשך פון פאריגע וואך...* מענדל איז איינגעשלאפן פון דעם שטארקען מעדיצינען וואס דער דאקטאר האט אים געגעבן מיט די נידל. דאן האבן די דאקטוירים אנגעהויבן צו מאכן די שווערע אפעראציע.

א פאר שעות שפעטער האט מענדל זיך אויפגעוועקט, און ער האט געפילט אסאך בעסער, ב"ה! ער האט נישט געהאט קיין פיבער, און ער איז נישט געווען איבלדיג, ער האט נישט געהאט אפילו די געווענטליכע שלעכטע זייטיגע ווייטאגן פון א אפעראציע, ל"ע. עס איז געווען אומגלייבלעך ווי מצליח די אפעראציע איז געווען, ב"ה.

מענדל'ס דאקטאר איז אויך געווען צופרידן. אבער, ער האט אנגעווארענט מענדל, זאגענדיק: "דו דארפסט אכטונג געגעבן, ווייל מיר דארפן מאכן נאך צוויי אפעראציעס אין די קומענדיגע יאר." (דער דאקטאר האט נישט געוואלט מאכן די גאנצע אפעראציע אויף אמאל, נאר, ער האט געוואלט צוטיילן די אפעראציע אויף דריי מאל.) דער דאקטאר האט געהייסן אז מענדל זאל בלייבן אין בעט ווי מער עס איז מעגליך און ער זאל נישט פארן אויף א לאנגע נסיעה אין א קאר אדער אן עראפלאן וכו'.

מענדל האט געוואלט האבן א רפואה שלימה מיט דעם אייבערשטענ'ס העלף, וועגן דעם האט ער געפלאנט צו פאלגען אלעס וואס דער דאקטאר האט אים געזאגט. נישט צו לאנג נאכדעם וואס מענדל איז ארויסגעקומען פון שפיטאל, האט ער באקומען נאך א טעלעפאן קאל פון דעם טאשער רבי'ן. "איך וויל דיך איינלאדענען צו קומען אויף שבת קיין טאש." האט דער רבי געזאגט. מענדל האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ווייל ער האט שטארק געוואלט פאלגען דעם רבי'ן, אבער ער האט געדענקט ווי שטרענג זיין דאקטאר האט געהייסן אז מענדל זאל נישט פארן אויף קיין נסיעות.

מענדל האט זיך מיישב געווען אז ער גייט פרעגן זיין טאטן וואס צו טון. זיין טאטע האט אים געזאגט אז ער זאל יא גיין צו דעם רבי'ן. ווייל אפילו דער גוי'עשער דאקטאר אליינס, להבדיל, האט געוויזען אז ער קוקט שטארק ארויף אויפן טאשער רבי'ן.

דערנאך זענען מענדל און זיין פרוי געפארן קיין מאנטרעאל אויף אן עראפלאן. ב"ה, אז מענדל איז אנגעקומען געזונטערהייט. א לימאזין מיט א דרייווער האט געווארט אויף מענדל און זיין משפחה ביים עירפארט, גרייט צו פירען זיי קיין טאש.

פרייטאג צו נאכטס, איז מענדל געקומען אין שול וואו ער האט געזען א גרויסער עולם פון חסידים, וועלכע זענען צוזאמענגעקומען אין דעם ריזיגען טאשער בית מדרש, אזוי ווי יעדע וואך. די שיינע בית מדרש האט געמאכט א מורא'דיגע רושם אויף מענדל. מענדל האט גענומען א פלאץ אויבן אן, און ער האט זיך גלייך אראפגעזעצט, ווייל אזוי האט זיין דאקטאר געהייסן, אז מענדל זאל נישט שטייען צו לאנג אויף זיין פיס. בעפאר מנחה, איז דער טאשער רבי אריינגעקומען אין שול און ער איז געגאנגען צו זיין ספעציעלע פלאץ אויבן אן אין שול. דער פלאץ איז געווען ארומגענומען מיט א שטריק. פלוצלינג, האט דער טאשער רבי זיך געגעבן א דריי אויס, און ער האט אנגעהויבן צו ווייזן צו מענדל מיט זיין הענט. מענדל האט פארשטאנען אז דער רבי רופט אים אז ער זאל אריינקומען אין דעם באשטימטען פלאץ, וואו דער רבי דאווענט.

דער גאנצער עולם האט אנגעקוקט ווי מענדל האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, און ער איז געגאנגען און געשטאנען לעבן דעם רבי'ן. דער שליח ציבור האט אנגעהויבן "הודו" (מיט דעם באקאנטען ניגון) און מענדל האט זיך אראפגעזעצט. דער רבי האט דאס געזען און ער האט געהייסן אז מענדל זאל בלייבן שטייען דורך דעם גאנצען דאווענען, א זאך וואס מענדל האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז ער איז מסוגל צו טון. דער זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט נאכאמאל דעם נעקסטען טאג, ד"ה דער רבי האט געהייסן אז מענדל זאל שטייען לעבן אים דורכ'ן גאנצען דאווענען. ב"ה, אז מענדל האט נישט געהאט קיין ווי-טאג פון שטייען דעם גאנצן צייט. מענדל האט געוואוסט אז זיין דאקטאר וועט קיינמאל נישט גלייבן אז מענדל וואלט געקענט שטייען אזוי לאנג.

מוצאי שבת קודש, האט דער טאשער רבי גערופן מענדל צו אריינקומען צו אים מיט זיין בני בית. ווען מענדל און זיין פרוי זענען אריינגעגאנגען צום דעם רבי'ס שטוב, האט דער טאשער רבי געעפענט א ספר און ער האט אנגעהויבן צו רעדן דברי תורה און חיזוק. פלוצלינג, האט דער טאשער רבי אנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם מצוה פון חלב ישראל. דער רבי האט געקוקט אויף מענדל און געזאגט, "איך בעט דיך אז דו זאלסט מקבל זיין אויף זיך צו זיין מקפיד אויף חלב ישראל, ווייל דאס וועט זיין א טובה פאר די נשמה און עס וועט ברענגען א רפואה שלימה!"

מענדל איז געווארן איבעראשט. ער האט נישט געגלייבט אז דער רבי וועט דערמאנען חלב ישראל, ווייל אויף דעם האט זיין חברותא יוסף אזוי סאך געמוטשעט אין ישיבה א פאר יאר פריער. פון דעסטוועגן האט מענדל דעמאלט נישט מקבל געווען אויף זיך צו זיין מקפיד אויף חלב ישראל, מענדל האט קיינמאל נישט פארגעסן די טאג-טעגליכע שמועסן וואס יוסף פלעג מיט אים רעדן וועגן חלב ישראל. מענדל'ס מחשבות זענען צוריקגעקומען צו דעם טאשער רבי'ן'ס שטוב. מענדל האט גלייך מסכים געווען צו מקבל זיין אויף זיך חלב ישראל.

"ב"ה, זייט דעמאלט פיל איך בעסער און בעסער יעדן טאג." האט מענדל געזאגט פאר יוסף, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט דערציילן די מעשה.

מענדל האלט א נאנטען שייכות מיט דעם טאשער רבי'ן. דער טאשער רבי האט אים אמאל געבענטשט אז ער זאל האבן דעם כח צו טון אסאך גוטס פאר אידן. מענדל האט מקיים געווען דער ברכה דורך עפענען עטליכע בעלי תשובה ישיבות ארום דעם וועלט, און דורך דעם האט ער מקרב געווען אסאך אידישע קינדער. אלעס איז אויפ'ן כח פון א ברכה פון א צדיק.

מיר קענען ארויסלערנען אסאך וויכטיגע זאכן פון דער מעשה. לאמיר אבער רעדען בקיצור נאר וועגן איין נקודה פון דער מעשה וואס האט א שייכות מיט דער וואכעדיגער סדרה. די ענין איז: די "אמונה" וואס דער גוי'עשער דאקטאר האט געהאט אין דעם גדלות פון טאשער רבי'ן. עס שטייט אין פסוק: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך וכו'" דהיינו, ווען אידן היטן מצות, זענען די גוים אונז מכבד. דער פשט איז נישט אז אידן זוכן כבוד פון די גוים, נאר וואס? דער פשט איז אז ווען אידן טון זייער ציל אין לעבן, ד"ה תורה און מצוות, דעמאלט ווערן אידן דער "אור לגוים." טאמער אבער פארקערט ח"ו, אז אידן מאכן די גוים נאך, דעמאלט פארלירן אידן די מעלה וואס מיר האבן איבער די גוים. אזוי ווי דער אור החיים הקדוש זאגט אויף די אויבערדערמאנטע פסוק, אז ווען א איד היט די תורה, "[ו]כל הנבראים אדם ובהמה מזדעזעים ממנו, מה שאין כן המתעב מעשיו מעבירים ממנו הצלם, וכו'" איז לאמיר נתחזק ווערן אין די ענין פון שמירת המצות כדי מיר זאלן קענען אלע זוכה זיין צו ווייזן אונזער צלם אלקים פאר די וועלט. **גוט שבת אלע אידן.**

<ins>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדו יוחנן פינחס נ"י בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א</ins>

לע"נ זקני ר' אברהם בן ר' ליפא ע"ה – ט"ז אלול תשכ"ח

לע"נ יצחק אייזיק בן יוסף שמואל ע"ה

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)**

**<ins>נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!</ins>**